# דער אוצר




כתה ה' - י"ז בתמוז תשע"א

## אוצר הגנוז

### כל רודפיה הישיגוה בין המצרים

די דריי וואכן פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב ווערן אנגערופן **"בין המצרים"**.

בפשטות איז דער טעם פארוואס די דריי וואכן ווערן אזוי אנגערופן, לויטן פסוק אין איכה **"כל רודפיה השיגוה בין המצרים"**. זאגט דערויף דער **מדרש: אלו הימים בין י"ז תמוז לט' באב**, וואס דעמאלטס האבן די רודפי ישראל און די רשעים דערגרייכט די אידן און זיי אנגעמאכט פיל צרות.

דער הייליגער **ראפשיצער רב** זי"ע האט געטייטשט: **"כל רודפיה"**, די אלע רשעים וואס רודפ'ן אידן, **"השיגוה"**, האבן משיג געווען דאס גרויסקייט און הייליגקייט פון עם ישראל, **"בין המצרים"**, בשעת ווען זיי טוהען זיי באלאגערן און ענג מאכן, וואס אין די שווערע צייטן פאר אידישע קינדער שטעלט זיך אלעמאל ארויס זייער שטארקייט און גבורת הנפש, ווען זיי רירן זיך נישט אוועק פון השי"ת טראץ אלע שוועריקייטן.

דער **עבודת ישראל** (פר' מסעי) ברענגט בשם **הרה"ק רבי ר' בער זי"ע** דער **מעזריטשער מגיד, "כל רודפיה"**, יעדער איינער וואס טוט נאכיאגן השי"ת און ער וויל אים ממליך זיין אויף זיך, **"השיגוה"**, קען ער דערגרייכן די מדריגה, אין די טעג פון **"בין המצרים"**. וואס דאס איז שטארק מסוגל זיך צו דערהייבן ברוחניות.

דער עבודת ישראל איז מסביר מיט א משל, פארוואס די טעג זענען אזוי מסוגל צו ווערן נאנט צום אויבערשטן, טראצדעם וואס די טעג ווערן אנגערופן **ימים נמוכין**, נידריגע טעג: ווען א קעניג זיצט אינדערהיים איז זייער שווער צוצוקומען צו אים און בעטן פון אים א בקשה, ווייל ווען ער זיצט אויף זיין מלוכה מיט זיין גאנצע שטארקייט איז ער זייער דערווייטערט פון פשוט'ע מענטשן, אבער ווען דער קעניג וואנדערט ארום און ער איז נישט אויפן כסא המלוכה, דעמאלטס קענען פשוט'ע מענטשן אויך צוקומען צום קעניג.

דעריבער, דוקא אין די ימים נמוכין, קען יעדער איד זייער שטארק נתקרב ווערן צום אויבערשטן.

אין ספה"ק **"תורת אבות"** שטייט אז די 21 טעג פון בין המצרים, זענען קעגן די 21 טעג פון ראש השנה ביז הושענא רבה, וואס דאס איז א הכנה זיך צו צוגרייטן די 21 טעג, צו יענע געהויבענע טעג.

דער הייליגער **אפטער רב** זי"ע אין **אוהב ישראל**, זאגט, אז די טעג פון בין המצרים זענען דער יסוד און שורש פון אלע ימים טובים פון א גאנץ יאר וואס דאס זענען 21 טעג. שבת, ראש חודש, 7 טעג פסח, שבועות, צוויי טעג ראש השנה, יום כיפור, 8 טעג סוכות, און דאס איז מרומז אין פסוק **א"ך טוב לישראל**.

**ויהי רצון שהימים האלו יתהפכו לששון ולשמחה במהרה בימינו אמן.**

## אוצר הטעמים

תוס' אין מסכת שבת זאגט: דעם טעם, פארוואס א יחיד זאגט נישט ביי די שמונה עשרה פון שחרית "עננו", נאר דער שליח ציבור. וויבאלד אויב עס וועט זיך אים חלילה טרעפן א מקרה און ער וועט נישט קענען פאסטן וועט ער האבן געזאגט ליגנט, אבער דער חזן קען יא זאגן, וויבאלד עס איז נישט מעגליך אזא זאך אז אפילו איינער פונעם ציבור זאל נישט פאסטן.

☆

אין "לבוש" (סי' תקס"ה) שטייט דער טעם פארוואס א יחיד לאזט נישט אויס די ברכה פון עננו, מיט די ברכה ברוך אתה ה' העונה בעת צרה, ווייל א יחיד טאר נישט משנה זיין די ברכה פון שומע תפילה.

☆

אין "בית יוסף" ווערט געברענגט דעם טעם פארוואס דער חזן זאגט עננו נאך ראה נא בענינו, פאר די ברכה פון רפאנו, ווייל עס שטייט אין תהלים, ה' צורי וגואלי, און גלייך דערנאך שטייט דער קאפיטל "יענך", זעהען מיר, אז נאך וואס מען בעט אויף די גאולה בעט מען "עננו". און דאס וואס א יחיד זאגט נישט דארט די תפילה עננו, איז ווייל א יחיד טאר נישט משנה זיין די ברכות.

☆

אין ספר "חסד לאברהם", שטייט א טעם, פארוואס האבן די חכמים מתקן געווען אז א תענית זאל זיין א גאנצן טאג. ווייל די מאס בלוט וואס ס'איז דא אין מענטש, איז אזוי פיל ווי 18 דינרין, און אויב עס גייט ארויס פון א מענטש א מאס בלוט אזוי פיל ווי א מטבע וואס הייסט "איסר", דעמאלטס פילט ער א טעם מיתה.

אויב מען פאסט א גאנצן טאג, דעמאלטס ווערט פארמינערט פון דעם מענטש א שיעור בלוט פון איין איסר, און ער איז טועם א טעם מיתה, און די מיתה איז מכפר זיינע עבירות.

אויב אבער מען וועט פאסטן ווייניגער ווי א גאנצן טאג, וועט נישט פארמינערט ווערן די שיעור בלוט פון א גאנצע איסר, וועט עס נישט קענען מכפר זיין זיינע עבירות.

☆

# אוצר המאורעות

**עס ווערט גע'פסק'ט אין שולחן ערוך (סימן תקמ"ט): שבעה עשר בתמוז פאסטן מיר צוליב די פינעף נישט גוטע זאכן וואס האבן פאסירט מיט אונזערע עלטערן אין דעם טאג.**

**פינעף ביטערע אומגליקן זענען געשען אין דעם טאג שבעה עשר בתמוז פאר אונזערע עלטערן אין פארשידענע זמנים. די משנה אין מסכת תענית רעכנט אויס די פינעף פאסירונגען: "חמשה דברים ארעו את אבותינו בשבעה עשר בתמוז, נשתברו הלוחות, ובטל התמיד, והובקעה העיר, ושרף אפוסטמוס את התורה, והעמיד צלם בהיכל.**

**מיר וועלן דא שילדערן די אלע פאסירונגען, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין מדרשי חז"ל.**

1. **נשתברו הלוחות** - די ערשטע לוחות וואס השי"ת האט אליין געשריבן זענען צובראכן געווארן. דאס האט פאסירט אין יאר **ב' אלפים תמ"ח**.
2. **ובטל התמיד** - מען האט אויפגעהערט צו שחט'ן דעם קרבן תמיד. דאס האט פאסירט אין יאר **ג' אלפים של"ח**.
3. **והובקעה העיר** - דער מויער פון די שטאט ירושלים - ביים צווייטן חורבן - איז אויפגעבראכן געווארן. דאס האט פאסירט אין יאר **ג' אלפים תתכ"ח**.
4. **ושרף אפוסטמוס את התורה** - די הייליגע תורה איז פארברענט געווארן. דאס האט פאסירט אין יאר **ג' אלפים תר"י**.
5. **והעמיד צלם בהיכל** - עס איז אריין געשטעלט געווארן א צלם אינעם בית המקדש. דאס האט פאסירט אין יאר **ג' אלפים רכ"ח**.

## נשתברו הלוחות

אין יאר צוויי טויזנט פיר הונדערט און אכט און פערציג (2,448) פון ווען השי"ת האט באשאפן די וועלט, האט השי"ת אונז געגעבן די תורה אויפ'ן בארג סיני 50 טעג נאך יציאת מצרים, זעקס טעג אין חודש סיון. דעם אנדערן טאג נאך קבלת התורה, זיבן טעג אין חודש סיון האט השי"ת גערופן משה רבינו, אז ער זאל ארויפקומען אויפ'ן בארג סיני וואו ער האט געלערנט מיט אים די הייליגע תורה. דארט איז משה רבינו געווען 40 טעג און 40 נעכט.

פונוואנען האט משה רבינו געוואוסט ווען עס איז נאכט, ביי השי"ת הערשט דאך נישט קיין פינסטערניש, מיט אים איז דאך בלויז ליכטיגקייט, טא ווי אזוי האט ער געוואוסט דעם אונטערשייד?

ווען השי"ת האט מיט אים געלערנט מקרא, פסוקים, האט ער געוואוסט אז עס איז טאג, ווען ער האט מיט אים געלערנט משנה, האט ער פארשטאנען אז עס איז נאכט.

ווען ער האט געזען ווי די מלאכים לויבן השי"ת מיט'ן ווארט "קדוש", האט ער פארשטאנען אז עס איז טאג, ווען ער האט זיי געזען לויבן מיט'ן ווארט "ברוך", האט ער געוואוסט אז עס איז נאכט.

ווען ער האט געזען ווי די מלאכים טוען צוגרייטן דעם מן, אראפצוברענגען שפייז פאר אידישע קינדער האט ער פארשטאנען אז עס איז טאג, און ווען דער מן האט גענידערט צו דער ערד פאר אידן, האט ער געוואוסט אז עס איז נאכט.

ווען ער האט געזען די זון נויגנדיג זיך צו השי"ת, האט ער פארשטאנען אז עס איז נאכט, ווען ער האט געזען די לבנה, די שטערנס און די מזלות קומען זיך בוקן צו השי"ת, האט ער געוואוסט אז עס איז טאג.

ער האט גארנישט געגעסן און גארנישט געטרינקען, די 40 טעג האבן זיך געענדיגט 17 טאג אין תמוז, דעמאלס איז משה רבינו אראפגעקומען פונעם בארג סיני מיט די לוחות אין די הענט, וואס השי"ת האט אליין געשריבן דערויף די עשרת הדברות. ווי משה רבינו האט דערזען אז מ'האט געמאכט דאס עגל, דעם גאלדענעם קאלב, און מען האט צו אים געדינט, האט ער אראפגעווארפן די לוחות פון זיינע הענט, און זיי זענען צובראכן געווארן.

נאך ברענגט דער מדרש, אז די לוחות זענען געווען פון א גאר טייערן מין איידלשטיין, וואס זענען זייער שווערע שטיינער, וואס איז געווען אוממעגליך צו קענען האלטן, נאר אזוי לאנג ווי די אידן האבן זיך געהאלטן געטריי צו השי"ת, האבן די אותיות פון די לוחות געהאט א געטליכן כח וואס זיי האבן זיך אליינס געהאלטן. אבער אזוי ווי די לוחות האבן באגעגנט דעם עגל, זענען די אותיות ארויפגעפלויגן צוריק אין הימל, און די לוחות זענען געבליבן צוויי שווערע שטיינער, וואס איז געווען אוממעגליך צו האלטן, האט ער דאס אראפגעלאזט און עס האט זיך צובראכן.

אויך איז דעמאלטס ארויס א גזירה, אז די אידן דארפן אונטערטעניגט ווערן אונטער די אומות העולם צו גיין אין גלות. ווייל אויב די אידן וואלטן זוכה געווען צו האבן די לוחות וואס השי"ת אליין האט געשריבן, וואלט קיינער נישט געקענט געוועלטיגן אויף די אידן, מען וואלט געווען פריי פונעם יצר הרע, פריי פון צו זיין אונטערטעניגט אונטער די גוים און פריי פונעם מלאך המות. מען וואלט געלעבט אייביג, אזוי ווי עס וועט זיין נאך די גאולה שלימה, קיינמאל וואלט שוין נישט געווען קיין גלות, קיין צרות, קיין שום אומגליקן. דאס אלעס האט מען פארלוירן אין דעם טאג דורכדעם וואס די לוחות זענען צובראכן געווארן (עירובין דף נ"ד ע"א).

אויך איז דעמאלטס אפגעשוואכט געווארן דער כח התורה פון אידישע קינדער, מען האט אנגעהויבן צו פארגעסן דאס לערנען, און מען זאל לערנען תורה דורך צער און אונטערדריקונג מיט שוועריגקייטן, אבער פאר דעם אלעם וועט זיין גאר א גרויסער שכר ווען די ריכטיגע צייט וועט קומען, ווען משיח וועט קומען (ילקוט).

אויך איז געשען א גרויסע צרה נאכדעם ווי מען האט געמאכט דעם עגל, אז דער גרויסער ים איז אויפגעגאנגען צו פארפלייצן די וועלט.

האט משה רבינו אים געפרעגט: "פארוואס וויל ער פארפלייצן די וועלט?" האט דער ים געענטפערט "ווייל די וועלט האלט זיך אויף נאר אין זכות פון די תורה, און אזוי ווי די אידן האבן עובר געווען אויף די תורה וויל ער פארפלייצן די וועלט". דעמאלטס האט משה רבינו צוריבן דעם עגל, צושפרייט אויפ'ן וואסער און מיט דעם וואסער אנגעטרינקען די אידן, און דער וואס האט געהאט געדינט צו דעם עגל איז אומגעקומען דורכ'ן וואסער.

אויך האט זיך צוזאמגענומען גאנץ שבט לוי אויפ'ן רוף פון משה רבינו, וואס זיי אלע זענען געווען צדיקים, קיינער פון זיי האט נישט געדינט צום עגל, און זיי האבן אויסגעהרג'עט די מענטשן וועלכע זיי האבן געוואוסט אז זיי האבן געדינט דעם עגל. אויך האט השי"ת אומגעברענגט דריי טויזנט מענטשן וואס זענען געווען זינדיג, ערשט דעמאלס האט זיך דער ים בארואיגט און איז צוריק אויף זיין פלאץ (ילקוט ראובני בשם הזהר).

דאס צוברעכן די לוחות איז געווען איינס פון די דריי זאכן וואס משה רבינו האט געטאן אויף זיין אייגענעם פארשטאנד, און דעם ער זאל האבן געבעטן רשות פון השי"ת, און השי"ת האט מסכים געווען דערויף.

נישט נאר וואס השי"ת האט מסכים געווען, נאר השי"ת האט אים גוזאגט א יישר כח, ווייל דורך צוברעכן די לוחות האט משה רבינו מציל געווען כלל ישראל.

די סיבה פארוואס עס איז געקומען דערצו אז די ערשטע לוחות זאלן צובראכן ווערן, איז געווען צוליב אן עין הרע, ווייל די לוחות זענען געגעבן געווארן מיט קולות וברקים, דונערן און בליצן אין דער עפנטליכקייט, מען האט דאס געהערט איבער די גאנצע וועלט, דערפאר האט געשאדט אן עין הרע, אפילו אויף אזא הייליגע זאך ווי די לוחות. פון דא האבן די חכמים ז"ל ארויסגעלערנט, "אין לך יפה מן הצניעות" עס איז נישטא קיין בעסערע זאך ווי צו זיין באהאלטן און באשיידן.

# ובטל התמיד

יעדן טאג האט מען מקריב געווען אין בית המקדש אויפ'ן מזבח צוויי שעפעלעך אלס קרבן תמיד, צופרי און נאכמיטאג. דורך דעם קרבן וואס מען האט מקריב געווען צופרי האט השי"ת מוחל געווען אויף די עבירות וואס מען האט געטאן ביינאכט, און דורך דעם קרבן וואס מען האט מקריב געווען נאכמיטאג האט השי"ת מוחל געווען אויף די עבירות וואס מען האט געטאן בייטאג, אזוי זענען די אידן געווען ריין פון עבירות.

נאך א טעם פארן מקריב זיין דעם קרבן תמיד, ווייל אזוי ווי יעדער מענטש גרייט אן צו עסן פאר זיך יעדן צופרי און ביינאכט, האט השי"ת באפוילן אז אין די צוויי זמנים זאל מען מקריב זיין פאר אים א קרבן כדי די ארבעט וואס א מענטש טוט פאר זיך זאל נישט זיין מער פון דעם וואס מען טוט פאר השי"ת. דערמיט ווערט דער מענטש נתעורר שטענדיג צו טראכטן און געדענקען פון השי"ת, דורכדעם זעט מען מער אכטונג צו געבן אויף די מעשים אז זיי זאלן זיין אויפריכטיג, און דערמיט איז מען זוכה אז השי"ת זאל משפיע זיין פאר אונז כל טוב (חינוך מצוה ת"א).

דאס האט אבער נאר אנגעהאלטן אזוי לאנג ווי מיר האבן אפגעהיטן די תורה און מצוות און נאכגעגאנגען די וועגן פון די הייליגע תורה. אבער אז מיר האבן געזינדיגט און מיר האבן זיך נישט געוואלט צוהערן צו די דברי אלקים חיים ומלך עולם, האט השי"ת גוזר געווען אז דאס בית המקדש זאל חרוב ווערן.

די פיינט האבן באלאגערט ירושלים פאר דעם ערשטן חורבן בית המקדש, און מען האט נישט געקענט אריין און נישט ארויס, דאך האבן זיך די אידן אנגעשטרענגט צו ברענגען דעם קרבן תמיד יעדן טאג.

אבער 17 טאג אין תמוז אינעם יאר ג' אלפים של"ח (3,338) דריי טויזנט דריי הונדערט אכט און דרייסיג יאר פון ווען השי"ת האט באשאפן די וועלט, 21 טעג פאר דאס ערשטע בית המקדש איז חרוב געווארן, האט זיך שוין נישט געפונען אין גאנץ ירושלים קיין שעפסן פון וואס מען זאל מקריב זיין דעם קרבן תמיד, און ארויסגיין קויפן האט מען אויך נישט געקענט, איז דער קרבן תמיד בטל געווארן, און דער פיינט האט באזיגט די אידן, און דאס בית המקדש איז חרוב געווארן.

אויך פאר דעם צווייטן חורבן בית המקדש האט פאסירט א שרעקליכע מעשה מיט'ן קרבן תמיד.

אין יאר ג' אלפים תרצ"ז (3,697) דריי טויזנט און זעקס הונדערט און זיבן און ניינציג יאר פון ווען השי"ת האט באשאפן די וועלט, זענען געווען צוויי ברידער, אייניקלעך פון די חשמונאים. זיי האבן געהייסן הורקנוס און אריסטובלוס. הורקנוס איז געווען דער כהן גדול און אריסטובלוס איז געווען דער קעניג. מיט דער צייט האט זיך פאר הורקנוס'ן פארגלוסט אויך דער מלוכה טראן, די הערשאפט איבער'ן פאלק, און ער האט געמאכט אן אויפשטאנד קעגן זיין ברודער און עס איז געווארן א גרויסע מלחמה צווישן די אידן.

הורקנוס איז געפארן קיין רוים צו זוכן הילף ביים קיסר פון רוים, און ער איז צוריקגעקומען אויף ירושלים מיט א גרויס מיליטער און האט באלאגערט די שטאט. עס איז נישט מעגליך געווען אריינצוברענגען אדער ארויסצוטראגן קיין שום זאכן. און קיין שום האנדלונג מיט די דרויסנדע וועלט, מען האט זיך געדארפט באגנוגענען נאר פון דעם וואס עס איז געווען אין די שטאט.

אזוי ווי עס האבן זיך געענדיגט די שאף פון וואס מען האט מקריב געווען די קרבנות, האבן די אידן פון אינעווייניג ארויס דערלאנגט א קארב מיט גאלדענע גילדן איבער די מויער, און פאר דעם האט מען זיי צוריק געגעבן צוויי שעף. אזוי האט דאס אנגעהאלטן א לאנגע צייט. אין די שטאט ירושלים איז אבער געווען א גרויסער רשע וואס האט געקענט די גוי'אישע שפראך יוונית וואס ווייניג אידן האבן געקענט, האט ער ארויסגעשריגן אין יוונית "אזוי לאנג ווי די אידן וועלן מקריב זיין קרבנות וועט איר נישט קענען איינעמען די שטאט". צומארגנס ווען די אידן האבן ארויסדערלאנגט דאס געלט האט מען זיי צוריקגעשיקט א חזיר - א טריפה'נע בהמה - אנשטאט א שעפעלע, און פון דעם איז גאנץ ירושלים אויפגעטרייסלט און אויפגעציטערט געווארן. אזוי איז דעמאלטס בטל געווארן דער קרבן תמיד און דער פיינט האט איינגענומען די שטאט. דעמאלטס האבן די חכמים ארויסגעגעבן א גזירה אז מען טאר נישט לערנען די גוי'אישע שפראך - די שפראך יוונית (סו"מ סוטה).

די ענדע פון די מלחמה צווישן די צוויי ברידער איז געווען אז די מחנה פון הורקנוס וואס איז געווען אינדרויסן צוזאמען מיט די רומיים האבן זיך געשטארקט איבער דעם קעניג אריסטובלוס, אבער זיי האבן נישט אנגערירט דאס בית המקדש, נאר זיי האבן אויסגעהרג'עט די אלע גוטע פריינד פונעם קעניג אריסטובלוס, און אים אליין האבן זיי געפאנגען קיין רוים.

דאס ווענדן זיך קיין רוים נאך הילף האט אבער גורם געווען אז די אידן זענען שוין געווען פון דעמאלס אן אונטערטעניג צו די רומיים, און פון דעמאלס אן האבן זיי געדארפט צאלן שטייער פאר די רומיים. די מלוכה פונעם קעניג אריסטובלוס האט אנגעהאלטן 3 יאר מיט 6 חדשים, אנגעהויבן פון יאר ג' אלפים תרצ"ז (3,697) ער איז געווען דער ניינטער קעניג פון די חשמונאים, און די רומיים האבן געמאכט קעניגן זיין ברודער הורקנוס דער צענטער קעניג פון די חשמונאים, ער איז געווען א צדיק און האט געפירט זיין מלוכה מיט ערליכקייט.

## והובקעה העיר

אין יאר ג' אלפים תתט"ז (3,816) איז אויפגעשטאנען אין רוים א נייער קיסר מיט'ן נאמען נירון קיסר, א גרויסער רשע, מען האט אים גערופן "נירון אכזר", פון דעמאלס האט זיך אנגעהויבן דער חורבן בית המקדש. עס זענען געווען מלחמות צווישן די רומיים און די פריצים, בריונים, פון די אידן וואס האבן נישט אויסגעפאלגט דעם באפעל פון די צדיקים און גדולי התורה זיך אונטערצוגעבן פאר די רומיים, נאר זיי האבן מלחמה געהאלטן מיט זיי. דאס האט געדויערט 12 יאר ביזן יאר ג' אלפים תתכ"ח (3,828) דריי טויזנט אכט הונדערט און אכט און צוואנציג יאר פון ווען השי"ת האט באשאפן די וועלט, 21 טעג פאר'ן צווייטן חורבן בית המקדש איז אויפגעבראכן געווארן די מויערן פון ירושלים, און די רומיים זענען אריינגעקומען און האבן אויסגע'הרג'עט פיל אידן, ביז עס איז געקומען תשעה באב ווען זיי האבן פארברענט דאס בית המקדש.

## ושרף אפוסטמוס את התורה

אין יאר ג' אלפים תר"י (3,610) דריי טויזנט זעקס הונדערט און צען יאר פון ווען השי"ת האט באשאפן די וועלט, אין די צייטן פון די יוונים און מתיוונים האט דער רשע אפוסטמוס פארברענט די הייליגע ספר תורה. ער האט אויך אריינגעשטעלט א צלם אין היכל (תעב"ץ).

## והעמיד צלם בהיכל

אין יאר ג' אלפים רכ"ח (3,228) דריי טויזנט און צוויי הונדערט און אכט און צוואנציג יאר פון ווען השי"ת האט באשאפן די וועלט, איז מנשה בן חזקי' המלך געווארן קעניג אויף שבט יהודה און בנימין, ער האט געקעניגט 55 יאר, און אין די ערשטע 22 יאר האט ער געדינט עבודה זרה.

אין ערשטן יאר פון זיין מלוכה אינעם טאג פון שבעה עשר בתמוז האט ער אריינגעשטעלט א צלם פון די עבודה זרה אין היכל פון בית המקדש, אין קדשי קדשים.

אין בית המקדש איז געווען טענעןביימער וואס שלמה המלך האט אויפגעשטעלט, און עס איז געוואקסן דערויף פירות, און די יונגעלייט פון די כהנים האבן געמאכט פון דעם זייער פרנסה, און ווען מנשה האט אריינגעברענגט דעם צלם אין היכל איז פארטרוקנט געווארן די פירות, און עס איז מער נישט געוואקסן דארט קיין פירות, (ילקוט ראובני).

אויך דאס פייער וואס איז אראפגעקומען פון הימל ווען שלמה המלך האט אויפגעבויט דאס בית המקדש צו פארברענען די קרבנות, האט דעמאלס אויפגעהערט צו ברענען, און איז צוריק ארויף אין הימל, (סדר הדורות). מנשה המלך האט אבער שפעטער אמת'דיג תשובה געטאן, השי"ת האט אנגענומען זיין תשובה, און ער איז געווען דערנאך 33 יאר קעניג, אלס ערליכער קעניג.

## אוצר החכמה

ר' **מרדכי ראקעווער** ז"ל - א תלמיד פון דעם הייליגן חוזה פון לובלין זי"ע - האט אמאל געזאגט אז ווען משיח צדקינו וועט קומען, וועט ער זיך באהאלטן, און נאר נאך וואס יעדער וועט שוין האבן שלום געגומען פון משיח, וועט ער ארויסקומען פון זיין באהעלטעניש און ער וועט דעמאלטס געבן שלום פאר משיח. וועט אים משיח זיכער פרעגן: "מרדכי, ווי ביסטו געווען ביז יעצט?" וועל איך אים צוריק ענטפערן: "משיח, און ווי ביסטו געווען ביז יעצט?"...

* * *

**על מה אבדה הארץ וכו' על עזבם את תורתי** (נדרים פ"א). דער **דובנא'ער מגיד** איז אמאל געקומען אין א דארף וואס דארט האט געוואוינט א קרעטשמער אן עושר וואס איז געווען א גרויסער תומך תורה, ער האט געהאט אן איידעם א גרויסער ת"ח.

פרייטיג נאכמיטאג האט דער דובנא'ער מגיד געפרעגט דעם קרעטשמער, וויפיל פרסאות איז דא צווישן דעם דארף מיט א אנדערע שטאט, וואס דער דובנא'ער מגיד האט געוואלט זיין דארט אויף שבת. דער עושר האט דאך אבער געוואלט אז דער מגיד זאל בלייבן ביי אים, האט ער אים געענטפערט, אז עס איז א וועג פון צען פרסאות, און דער מגיד וועט שוין נישט קענען אנקומען דארט אויף שבת, במילא זאל ער בלייבן ביי אים אויף שבת.

עטליכע יאר שפעטער איז דער דובנא'ער מגיד נאכאמאל געקומען אין יענע דארף, אבער דאן איז דער איידעם דער ת"ח שוין געווען א גרויסער ביזנעס מענטש, און ער האט זיך שוין אפגע'גט פון די תורה, ערב שבת האט דער מגיד נאכאמאל געפרעגט דעם מענטש, וויפיל דויערט צו גיין צו די אויבנדערמאנטע שטאט, האט ער אים געענטפערט ארום דריי פרסאות, עס איז א קורצע וועג איר קענט אהין גיין אויף שבת.

האט דער דובנא'ער מגיד געזאגט: "ערשט יעצט פארשטיי איך וואס די גמרא פרעגט, **על מה אבדה הארץ**, ווי אזוי איז פארלוירן געווארן די ערד, ד.מ. אז פון צען פרסאות איז געווארן נאר דריי פרסאות... ענטפערט אויף דעם דער אויבערשטער, **על עזבם את תורתי**...